חיים קליימאן

# צווישן פרוט און דניעסטער



חיים קלײמאַן

# צווישן פּרוט און דניעסטר

רעפּאָרטאַזשן

בוקארעשט 1936

# אינהאלט:


1· ליניע גאַלאַץ־אַקערמאַן

2· איזמאַיל

3· קליינהיטלעריע

4· יידן אויף ערד

5· די טויטע שטאָט

6· פּאַרנאָסעס

7· Via dolorosa

8· יידישלאנד


Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:9817

# די ליניע גאַלאַץ — אקערמאַן...

... מיט „ליניע״ מיין איך נישט אזוי די אייזנבאן־ליניע, וועלכע פירט פון דער האַפן־שטאָט גאַלאַץ ביז צו דער ווײַסער שטאָט, וואָס ליגט ביים ברייטן דניעסטר־אויסגוס אין שווארצן יאַם אריין. כ׳מיין דאָ מער די אומראכמאָנעסדיק־גלייכע, זיגזאגלאָזע ליניע פון יידישן אונטערגאנג, פון עקאָנאָמישן כורבן, וואָס ציט זיך לענג־אויס און ביי דער זייט פון דער אייזנבאן.

דאָרעם־בעסאַראַביע!

שוין אין אלט־רומענישן גאַלאַץ פילט מען זי.

ווער ס׳געדענקט די שטאָט גאַלאַץ אין די יאָרן פון איר דערהויבונג און גלאַנץ (1919 — 1924) קאָן זי שוין היינט נישט דערקענען. ווו זענען זיי, די שווער־אָנגעלאָדענע שיפן, וואָס פלעגן טאָג־טעגלעך ביי די ברעגעס פון דער שטאָלצער טינע פאַרשיטן גאַלאַץ מיט טעקסטיל־ און קאָלאָניאַל־סכוירעס געבראַכטע פון פאַרשי־דענע נאָכמילכאָמעדיק זיך קאָנסאָלידירנדיקע לענדער!...
דער האַפן פון איין זייט און דאָרעם־בעסאַראַביע פון דער צווייטער האָבן געגעבן יעניקע דער שטאָט. און די שטאָט האָט געלעבט מיט פולבלוטיקן האַסטיק־פולסירנ־דיקן לעבן.

היינט — הערשט קריזיס. פילפאַכיקער קריזיס פון דער הערשנדער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. א קריזיס,

וואָס גראָבט אונטער דעם סיידער־האָאוילעם, די מעכ־טיקסטע לענדער און דאָס קלענסטע שניט־כּוירע־קרעמל.

איז גאַלאַץ — טויט. שטיל און וויסט און אומעטיק איז אויף די גאַלאַצער האַנדלס־גאַסן. שטייען אויף דער „סטראַדאַ מאַרע” ריזיקע קלייטן און קוקן מיט פּוסטן כאָלעל אויף דער נאָך פּוסטערער גאַס. פיל פון זיי — אראָפּגעלאָזט די אויגן־שטאָרן, נישט וועלנדיק, נישט קאָנענדיק צוזען דאָס שוואַרצע בייז־ווונדער פון פּאַריאָ־סעמטע גאַסן־אַרטעריעס.

און בלויז ביי די פּאָר טישלעך לעבן די „טשאינאַריעס” אין עק פון דער „פּאַסטראַמע־גאַס” זיצן יידישע מעקלערס און שווייגן...

וועגן וואָס שווייגן זיי?

עפּשער טראַכטן זיי צום טאַטן מענאַכעם־מענדל מיט קינע, מיט טיפער מעלאַנכאָלישער קינע:

יענער האָט כאָטש געקאָנט זיך פארגינען דאָס פּאַרגע־ניגן פון פאַנטאַזירן.

און זיי?!..

•

אַז דער צוג פאַרלאָזט מיט פּאַמעלעכדיקן, פאָרזיכטיקן גאַנג די נייע בריק איבערן פּרוט, הייבט ער זיך אָן מיט דעמזעלבן טעמפּאָ אריינצוציען אויף דער בעסאַראַבישער ערד. דער וועג זיינער ציט זיך א שפּאָר שטיק צייט ביי די ברעגעס פון די טינע־„ארבלען”. דער פּייזאַזש, וואָס שפּרייט זיך פאַר די אויגן איז שיין, אָבער פול מיט שטילן, האַרצשניידנדיקן אומעט. אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן איז די דאָזיקע געגנט באַזונדערס מעלאַנכאָליש. א טויטער פּייזאַזש. דער טשערעט שטייט אומבאַוועגלעך אויסגעצויגן,

פאַרשטאַרצט אין דער בראָנז־קאָלירענער לופט· און בלויז דאָ און דאָרט שווימט זיך אַניוועסדיק דורך אויף די טונקעלע וואסערן א ווילדע קאַטשקע· דערנאָך פאַרקערעוועט דער וועג צווישן קליינע וועלדלעך· דער צוג גייט אַזוי נאָענט פון די ביימער, אַז שטעק נאָר ארויס דורכן פענצטער די האנט און דו רייסט אָפּ א צווייגל מיט רויטלעכע בלעטלעך· אָבער די דאָזיקע שיינע פּייזאַזשן ענדיקן זיך גאנץ גיך· שוין פון באָלגראַד אָן ציט זיך אוועק סטעפּ· סטעפּ — דאָס איז בעסאַראַביע· פּאַשטעסדיק· אָן נאַטור־ניואַנסן· די בעסאַראַבער ערד האָט זיך ניט אויסגעפּוצט, זיך ניט צוגעשמינקט, נישט אויסגעצירט מיט קיין הויכע וואלד־באוואקסענע בערג, ניט מיט קיין טיפע בלימלדיקע טאָלן, ניט מיט קיין ווילדע כאַאָטיש־צונויפגעווארפענע פעלזן· קיין וואסערפאלן גיסן זיך נישט מיט שוימענדיקן שטורעם, און אָזיערעס וויגן ניט זייערע וואסערן געצאמטע פון פּאָעטישע ברעגן· (אַן אויסנאם איז בלויז די שטאָט סאָראָקע מיט איר אומגעגנט)·

בעסאַראַבער ערד איז אַניוועסדיק און פּאַשטעסדיק ווי אַן אמאָליקע יידישע מאמע· און אַן האָרעפּאשניצע, ווי די באשיידענע פויערטע אין די בעסאַראַבישע פון „גאָט און לייט״ פארגעסענע דערפער·

און אויף דער דאָזיקער ערד זענען ארייַנגעקראָפּעט שטעט און שטעטלעך מיט באדייטנדיקע יידישע קעהילעס·

· · · · ׳ · · · ·

···ס׳קומען אין דער רייע:

איזמאַיל, באָלגראַד, טשאַדיר־לונגע, דאָמאנאָווקע·

אַמאָל האָבן יידן געהאט אין דער דאָזיקער געגנט פּאַרנאָסע בעהאַרכאָווע. די געגנט איז געווען א רייכע באָלגארישע און גאַגאַאוזישע דערפער. איינגעפונדעוועכע פעלדער — פעטע און מאַזלבראָכעדיקע. שייערן איבערגעפולטע מיט גאָלדענער טוווע.

איצטער איז די געגנט פּאַרעלנט. די פויערן האָבן אַריינגעלעגט אין דער ערד ס׳לעצטע ביסל „דאָברעמאָל״ און די ערד האָט ניט נאָר ניט צוריקגעגעבן ווי אַמאָל בעקיפּל קיפּלאַים, נאָר אפילע מיט קיין שפּייז אירע קינדער ניט פּאַרזאָרגט. צעלויפן זיך פויערן פון די דערפער ווי פון א סרייפע. פּאַרקויפן פּאַר א שיבעש די איינגעדאַרטע בעהיימעס. און אנשטאט קאָנסטרוקטיווער הילף אויף די ערטער רייסט די מאַכט אָפּ אויסגעהונגערטע פויערישע קינדער פון זייערע עלטערן און פּאַרשיקט זיי אין די יעסוימים־אזילן פון די אלטרומענישע גרויסע שטעט.

און די יידן? די יידן קאָכן זיך אין זייער אייגענעם זאפט. נישט מ׳האנדלט: נישטאָ מיט וואָס. נישט מ׳ארבעט: נישטאָ פּאַר וועמען.

———

יאָרנלאנג האָט דער ציאָניזם געפּריידיקט צווישן די יידישע מאַסן דעם געדאנק פון אַנטלויפן. יאָרנלאנג האָבן סאָציאַליסטן ביי יידן געקעמפט קעגן דעם געדאַנק פון אַנטלויפן.

דאָס לעבן איז אָבער שקאָציש־צעלאָכעסדיק געגאנגען נישט גאָר פינקטלעך לויט די ווונטשן פון די פּאַרשידענע גרופירונגען. דאָס יידישע לעבן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אומנאָרמאַל און נישט זיכער־

און געפונט זיך אין א פּאַרקישעפּטן קרײַז· בלייבן אויף די ערטער — איז נישט גוט· נישטאָ אַפילע די שטרוי ביי וועלכער מ׳זאָל זיך קאָנען אָנכאפּן אום צו האלט זיך· אַנטלויפן ?.. וווהין ? ווי אַזוי ? ס׳נישט אַהין, נישט אַהער·

איז ווו ס׳איז פּאַראַן דאָס שטרויעלע, ביי וועלכן מ׳קאָן זיך אָנכאַפּן, בלויז אָנצוהאלטן זיך, אַד יאַאָווער זאַאַם, ביז מ׳וועט בייַקומען די קאַטאַסטראָפאַלע צייַט מיט דער אָרדענונג, וואָס האָט זי געשאפן, איז ראַנגלט מען זיך·

אָבער, אַז דאָס אילוזאָרישע שטרויעלע איז אויך נישטאָ ?..

— — —

··· ווי אַזוי מיר זאָלן נישט קוקן דערויף, אָבער אין די שטעטלעך לענגאויס דער ליניע גאלאץ־אקערמאַן איז די לופט פול מיט··· עמיגראַציע· און עפשער מער נאָך, ווי אין אלע אנדערע בעסאַראַבער יידישע יעשוווים· און נישט נאָר עמיגרירן, נאָר אנטלויפן וויל מען. אין דער יידישער באפעלקערונג פון א באָלגראַד, פון א טשאַדיר־לונגע, פון א ראָמאַנאָווקע, פון א טאַרוטינאָ, אין דער יידישער יוגנט נאָך מער, ליגט דאָס שטרעבן צו אנט־לויפן, ווי אין דינאַמיט דער קויעך פון אויפרייס··· מ׳וויל אנטלויפן· ווהין ס׳נישט איז· ס׳איז אומעגלעך צו פאַר־בלייבן אין די אונטערגייענדיקע שטעטלעך· זענען אין דעם קאנט יידישע אויגן מערסטנטייל געווענדעט אויף פּאַלעס־טינע· די ציאָניסטישע טשערטיפיקאַטן־וואַקכאַנאַליע האָט איר ווירקונג אויף דער פסיכיק פונעם ליידנדיקן אוילעם· מאַכט מען אָן אַ טומל מיטן „טשערטיפיקאַט”· און אַן

אָרעמער כאָלוץ, אויב ס׳געלינגט אים שוין יאָ „אַריינ־כאפן״ א „טשערטיפיקאַט״, קאָסט אים דאָס פאָרן אין „ערעץ״ פון 8000 ביז 12000 ליי. און ס׳וואקסן ציאָ־ניסטישע אָרגאניזאציעס אונטער פאַרשידענע נעמען, און ביז וואָס, ווער, ווען, צאָלט מען איין די פאָר אָרעמע גראָשן... און די גראָשנס זענען קימאט נישט בענימצע.

———

...די גראָשן זענען טאַקע ניט בענימצע, אָבער דאָך גלוסט נאָך די זינדיקע מענטשישע נעשאָמע נאָך דעם ביסל טאַנעג פון „קינסטלערישן״ גענוס, וואָס דאָס יידישע שונד־טעאַטער ברענגט צום „יידישן פאָלק״ פון די שטעט־לעך, און „די רעבעצן״ ברענט א וועלט, און די לופט שטיקט מיט „שמאלצעוואטן געררך״ פון „די מויד מיט די דריי מענער״, פון „צעבראָכענע הערצער״ (4 אַקטן מיט „געזענגע אונד טענצע״) און פון אנדערע לאַקריצדיק־זיסע „דראַמאַטורגישע״ מאַכערייקעס פון „בארימטע אויטאָרן״, וואָס זייער נאָמען איז... אַנאָנים, און פיעסעס, וואָס זענען אן אויסמיש פון „פינטעלע ייד״ פּליוס פריידיקעוואטע מאָראַל פּליוס פאָרנאָגראפישע וויצן, קופּלעטן, דועטן און טריצעטן.

און די ווענט פון שטעטלדיקן „טעאַטער״ קראַכן פון אָנגעפּראָפּטן אוילעם. און נאָך יעדער פאָרשטעלונג איז שוין א טיף־פאַרוואָרצלטער מינעג, אז דער „סטאַר״ זאָל ארויסטרעטן מיט דער צום אזויפילטסטן מאָל געהאלטענער ריידע, וועלכע איז אומראכמאָנעסדיק פלאַטשיק און אומ־געלומפּערט. און „ס׳געערטע פובליקום״ איז באגייסטערט. האקלאל: אלעס אין אָרדנונג.

קאסרילעווקער טעאטער לעבט אין דער... טויטער

בעסאראַביע, איז אייך ווינציק? איז גאָר די „עמעסע קונסט" ברענגען „צוטאסקען" אין די שטעטלעך אריין „די פינעף בארימטע כאזאָנים", וועלכע גיבן „קאָלעקטיווע" קאָנצערטן און וועמענס רעפערטואר באשטייט פון א מין „אַטו בעכאַרטונו", „שמאַקויליייגו" צוגעשטיקעוועט אלס קולטור־צייגניש מיט עליעזער שטיינבארגס „דער כאלעף און די זעג" (!), לעקט זיך שטעטל די פינגער...

און מ'לעבט א „צ ייטוויַליק" לעבן... איין אויג קוקט מען אויס צונ'א היפּאָטעטישן קוינע, ס'צווייטע איז געווענדעט צו די ציאָניסטישע פירער.

# איזמאַיל

די בעסאראבער „נירוואַנאַ"־שטאָט, די גאָרטן־שטאָט איזמאַיל, די שטאָט פון אילוזיעס, פון זעלבסטנאַרן זיך, די שטאָט וואָס נאַרט אָפּ, שטייט זי זיך אָפּגעזונדערט פון אנדערע יידישע יעשוווים, דער עלנט, די אָרעמקייט עפשער נאָך גרעסער ווי אנדערשווו, אָבער פאַרשטעלט, קאָן מען זיך טאַקע אָפּנאַרן, און כדאַכט זיך, אז פונקט אזוי האָט זיך דאָס איזמאיל געלעבט צוריק מיט צוויי יאָר, מיט פינעף יאָר, מיט 20 יאָר... מיט 100 יאָר.

מ'דאַרף זיך נאָענט און מיט אינטערעס צוקוקן אום צו דערזען אויף איזמאַיל דעם צייכן, דעם טרויער־צייכן פון דער צייט...

— — —

וואָס איז איזמאַיל? געזונטע, מיט בערישן אויסזען קאַצאַפּעס (ליפּאָוועגער), א שטיק גרויס־רוסלאַנד, גרויסע, געדיכטע מענערישע גופים, בערד — ווי פּאָנען אויפן

ווינט. געדיכטע, פּילהאָריקע שעוועליורעס, פּאַרוואָרפענע און גלײַך אונטערגעשוירענע אויפן פּעטן קאַרק. גוטמוטיקע, מילדע פישערס. זיצט מען אָפּ גאַנצע טעג אינדרויסן בײַם טראַקטיר (טייהויז), באַשיצט פון די הייסע זונ־שטראַלן מיט אַ ראָגאָזשע־דעכל, מ׳גיסט צענדליקער טשײַניקעס טיי אין די בײַכער אַרײַן און מ׳שמועסט.

וועגן וואָס שמועסן ליפּאָווענער פישער?

יידן שמועסן וועגן פּרײַזן אויף ברויט און שניט־סחורע.

ליפּאָווענער פיש־פאַנגער שמועסן וועגן... גאָט, וועגן סאָטן, וועגן רעליגיע, וועגן מילכאָמע און —

— פאַנגען אין גהיים, — ווײַל ס׳איז די צײַט, ווען פיש לייגן אָפּ די רויג און פיש־פאַנגעריי איז פאַרבאָטן, — אין די באַנאַכטיקע טינע־וואַסערן גוואַלדאָוונע קאַרפּן און פּעטע הערינג און פאַרקויפן זיי שפּאָט־ביליק צו זייערע יידישע שכיינים.

און די יידישע שכיינים באַלעקן זיך פון די געשמאַקע מיטאָגן, וועלכע מאַכן אויס א נישטיקן פּראָצענט אין זייער קימאט נישטיקן אויסגאָעס בודזשעט, רוען זיך זייער גרעניצלאָזן רו אין דעקאָר פון זייערע שטילע געוועלבער און אומעטיקע באַלמעלאָכעשע ווערקשטיבלעך.

און אין די מעכאַיעדיק־קילע איזמאַילישע אָוונטן שפּאַצירט איזמאַיל אין די פּילצאָליקע שטאָט־גערטנער, וווּ דאָס ריינקייט און זויבערקײַט שעמערירט קעגן דער לעוואָנע, אָדער אויף דער אָוונטיקער מעלאַנכאָלישער „פּראָמענאַד” בײַ די פּאָעטישע טינע־ברעגן.

ציט זיך דאָס איזמאַילישע לעבן ווי קליי און האָט דעם טאַם פון וואטן.

# קליינד־היטלעריע

די באַלעגאַלישע „הויט און ביינער"־פערדלעך, דערפילנדיק שוין די נאָענטע היים, האָבן זיך א נעם אָן געטון מיט די קויכעס, ארויפגעצויגן דעם לעצטן באַרג, וואָס צווישן סטאַנציע „בערעזינע" און טאַרוטינאָ, און מיט א איילנדיקן געדודער אראָפגעלאָזט זיך אין שטעטל אריין. שוין ביים אריינפאָר באקומט מען דעם איינדרוק, אז מ׳געפונט זיך אין א קאָלאָניע פונעם... דריטן רייך. פון אלע, קימאט, קלייטן שרייען צו דיר אַראָפ דייטשישע שילדן, מיט געציקלטע גאָטישע בוכשטאבן, מיט אויפשריפטן, וואָס זאָגן דיר אינסינואירנדיק אָן די גרויסע בסורע, אז דאָ האָסטו פאַר זיך דאָס סאמע ריכטיק-שעבעריכטיקסטע „דויטשע וואַרנהאַוז"...

און ביסטו „איין יודע" דערפילסטו זיך גאנץ אומהיימלעך...

— — —

... צוריק מיט יאָרן איז צווישן די טאַרוטינער יידן און דייטשן אויך נישט געווען מי יודייע וואָס פאַר א הייסע ליבע. אָבער היינט, — נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאנד, — האָבן זיך טאַרוטינער דייטשן און יידן פיינט בעטאַכלעס האַסינע.

צוריק מיט יאָרן האָבן טארוטינער יידן און דייטשן זיך איינס ס׳אנדערע נאָך באגריסט מיט העפלעכן „גוט מאָרגן". היינט מיידט מען אויס זיך צו באַגעגענען אויף איין טראָטואַר.

**טאַרוטינאָ** איז געוואָרן דער צענטר פונעם

היטלעריזם אין בעסאַראַביע. דער באָיקאָט אויף יידן ווערט דאָ אויסגעפירט נאָך שטרענגער, נאָך פּינקטלעכער ווי אין דייטשלאַנד.

ס׳זענען פאַראַן אין טאַרוטינאָ אייגענע צוויי „פּירערס": דער דייטשער טעקסטיל־פאַבריקאַנט און מולטימיליאָנער באַנעש און דער פּאַסטאָר האַזע, — דער אייביקער יאָד־אַכעס צווישן קאַפּיטאַל און רעליגיע. די דאָזיקע „פּירערס" האלטן עס אין זייערע הענט די דייטשע באַפעלקערונג, דיקטירן זייער ווילן, גיבן אכטונג אויף דער ראַסן־ריינקייט פון זייערע „דויטשע לייטע", אָרדנען איין גראַנדיעזע היטלעריסטישע מאַניפעסטאציעס, אָרגאַניזירן מוסטערהאפט־דיסציפּלינירטע דייטשע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, וועמענס איבונגען ס׳זענען פאַרדעכטיק ענלעך צו מיליטערישע, האלטן אויס א פיין־אויסגעשטאטעטן קלוב, גרונפירן דורך פארשידענע „סוגעסטיווע" מיטלען די דייטשע שטעטלשע אינטעליגענץ ארום דער אנטי־יידישער אקציע, שיקן זער אָפט פּאַרטיעס דייטשע יוגנטלעכע קיין דייטשלאנד, זיך אָנצוזאפּן מיטן עמעסן ראַסיזם פונעם סאמע עכטן קוואל. זיי האָבן עס שוין ביים סאמע אָנהייב פון דער היטלעריסטישער באוועגונג אין בעסאראַביע אויף יעדער יידישער קלייט געעפנט א „דויטשעס ווארענהאוז" — באצירנדיק דעם פּאַסאַד מיט פאַסנדע אויפשריפטן... און ווי איז צונ׳א דייטשישן פויער, וואָס פאַרבלאָנדזשעט צופעליק אין א יידישער קראָם! מ׳שלעפּט אים מיט געוואלט ארויס פון דאָרטן. אָבער אזוינע פארבלאָנדזשעטע זענען שוין נישטאָ. דייטשן זענען, ווי באוווסט, מוסטערהאפט דיסציפּלינירט. און מעג דער דורכשניטלעכער טאַרוטינער דייטש ניט גאָר אינגאנצן פארשטיין די נויט־

װענדיקײט פון די דאָזיקע „װאַרנהאױזער", װעלכע װערן
אָנגעפירט פון צװײפּלהאפטע פאַכמענער, און װאָס שינדן
א הויט, — אָבער··· מען מוז דאָך פאָלגן די הערן ב אַ־
נ ע ש און ה א ז ע· װאָרום צופיל פרומער גײסט־אויטאָ־
ריטעט שטעקט אין דער שװארצער ריאַסע פונעם הער
פריידיקעװאטע פאַסטאָר ה אַ ז ע און צו גרויס איז די
מאַטעריעלע מאַכט פונעם טעקסטיל־מאַגנאַט ב א נ ע ש·
װער װעט עס װאַגן זיך קעגנצושטעלן די דאָזיקע פון
װ אָ ט אַ נ ע ן אלײן געזאלבטע פירער?!

. . . . . . . . .

לעבן װוּנדערבארן, פּאָעטיש־ראָמאנטישן שלאָס פונעם
הער ב א נ ע ש האָט זיך צעלײגט די פאבריק זײנע·
שטײען דײטשישע ארבעטער בײ די װעב־שטולן, אין דער
אַפּרעטור־היץ, אין דער שטיקענדער פאַרע פון דער פאַר־
בערײ און גרײטן דײטשישע געװאנטן פאַר די טאַרוטינער,
סאראטער, באָראָדינער דײטשישע קלײטן·
שטײען דײטשישע ארבעטער אין הײסער אפרעטורע־
אַטמאָספער. די טעמפעראַטור איז א הויכע, א מויכעס־
פארטומלענדיקע. און נאָך מער קאָפּ־ און מויעך־פארטומ־
לענדיק איז די דעמאַגאָגישע נ אַ צ י ־ אַ ט מ אָ ס פ ע ר,
װעלכע דער היפערנאציאָנאליסטישער טעקסטיל־פאבריקאנט
װעבט ארום זײנע פאָלקס־גענאָסן — די ארבעטער, װאָס אר־
בעטן אויף אים, און װערן, װי דער שטײגער איז, גאנץ
קאלטבלוטיק־אַכזאָריעסדיק עקספּלואַטירט.
װאָרום דער טעקסטיל־מאַגנאַט פירט אויס א הײליקע
מיסיע: ד ע ר ה ע ר ב א נ ע ש ב א ק ל ײ ד ט ד י
ד ײ ט ש ן א י ן א ו ן א ר ו ם ט אַ ר ו ט י נ אָ! און
כאָטש די דאָזיקע דײטשן צאָלן בארעס געלט און צאָלן

גומע פריזן, זענען זיי, — יעדנפאלס, פון אויבן אויף, — דאנקבאר דעם הער באנעש. ער טוט די ריכטיקע 100־פראָצענטיקע נאציאנאל...יסטישע ארבעט...

———

און די „יודען"...

די דאָזיקע „פארפלוכטע לויטע" (לייטע — זאָגן טאַ־רוטינער דייטשן), די „יודען" שטייען ביי די טירן פון זייערע קראָמען און די גאל פלאצט אין זיי, און די הערצער צעגייען זיך פאַר פאַרדרוס, און די מויכעס קערן זיך איבער פון דײַגעס פאַרנאָסע און... מ'צעלויפט זיך פון שטעטל.

ס'ווערט אלץ ווייניקער יידן אין טאַרוטינאָ. ווער ס'אנטלויפט אין די גרעסערע שטעט, ווער ס'עמיגרירט קיין פאלעסטינע.

די טארוטינער יידן זענען צווייפאַך געטראָפן אין זייער עקזיסטענץ. פון איין זייט, דער אלגעמיינער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס רוינירט זיי; פון דער צווייטער זייט, דער ספּעציפיש־דייטשער אַקשאָנעסדיקער באָיקאָט, וואָס פלעטשט זיי נאָך צו פון אויבן.

איז זער, זער, זער נישט גוט אין יענע מעקוימעס. ס'גייט אונטער, ס'גייט צו גרונט א גאנץ באדייטנדיקער יידישער יישעוו.

# יידן אויף ערד.

— זענט איר, כ' קליימאן, א באַלן זיך אריבער־צוכאפן קיין אונגאראָווקע?

— ווהין?

— קיין אונגאראָווקע. איר האָט נאָך װעגן אונגאַראָווקע נישט געהערט?

— ניין. וואָס איז עס פאַר א אונגאראָווקע אַזוינע? ס׳ווינען דאָרט אונגארן?

— איר ווילצט אייך? ס׳איז א גאנץ ערנסטער איניען. ס׳איז א יידישע ערד־ארבעטער קאָלאָניע. פריער האָט זי געהייסן לאמבריעווקע. נאָר לעקאָוועד דעם ד׳ירעקטאָר פון דער „יקאָ״־געזעלשאפט ה׳ אונגער, וואָס האָט די קאָלאָניע געגרינדעט, האָט מען זי אָנגערופן אונגארעווקע. קומט װעלן מיר צופאָרן אַהין. ס׳וועט אייך האַנאָווע טון. ס׳גאנץ אינטערעסאַנט.

— פאָרן מיר צו.

מיילע, דאָס „אריבערכאפן״ זיך און דאָס „צופאָרן״, וואָס די טאַרוטינער כאווירים האָבן דאָס אזוי באשיידן געמאַכט צו „קליין געלט״ — האָט עס אין דעם ריכטיקן מאַסשטאַב אויסגעמאַכט: אריבער 3 שאָ טרעסלען זיך אין א וואָגן, א נישקאָשעדיקע זון־באָד און א „געשמאקע״ שטויב־פּאָרציע, וואָס האָט דעם קאָליר פון אונדזערע קליידער פולשטענדיק פארענדערט. און אלץ אין די זעלבע „אריבערגעכאפטע״ 3 שאָ האָט אונדז דער הימל מעכאבעד געווען מיט א פיינעם רעגן. וואָס האָט אונדז דורכגענעצט ביז אין מאַרך פון די ביינער.

אָבער, ס׳איז קעדאי געווען.

— — —

דאָ איז לאמבריעווקע!

מיר פאָרן אויף יידישע פעלדער, צווישן גרין־סאמעטענע ערד־קילעמעס. פונדערווייטנס זעט זיך אָן א פויער, וועלכער גייט נאָך א אַקער. דעם אַקער שלעפּט פויל א

פערדל· אויפן פערדל רייט א יינגל· פונדערווייטנס איז דאָס בילדל פויל־שלעפעריק· אין טאָך — איז דאָס טאקע די סאמע ריכטיקע, שווערע ערד ארבעט· און דער פויער, וואָס האלט צו די הערנער פון דעם אַקעראייזן, — ווי מוירע האָבנדיק, אז ער וועט אנטלויפן, דער איינציקער און לעצטער אָנשפּאַר זיַינער, — דער פויער איז א ייד·

פון צווישן א גרין־כוואליענדיקן יאַם באווייזן זיך די רויט־טשערעפּיצענע דעכער און, נאָך אביסל, אויך די טונקל־ראָז געפארבטע הייזער פון דער קאָלאָניע· מיט געשריי פון באוואונדערונג באגריסן מיר לאמבריעווקע·

———

··· צוויי לאנגע רייען הייזער, גלייכע ווי א ווירע· א ברייטע, ריינע גאס· אינמיטן גאס — אין א גלייכער ליניע, איינס נאָך ס'אנדערע — שענע, טיפע, צעמענ־טירטע ברונעמס· אן עכט־רוסטיש בילד, אָבער אויס־געפוצט ווי אין א פילם· לעבן יעדער הויז — א גאָרטן· הארט ביי דער קאָלאָניע פארפלאנצט מען א גרויסן פּאַרק· די קאָלאָניע פארמאָגט א פאָלקס־שול, א קאָאָפּעראַטיווע קלייט, א פיין־איינגעאָרדנטע יאַטקע, א באָד מיט א גוטער אינסטאַלאַציע, א קאָאָפּעראַטיווע מילך־פערמע און גלענצענדן וויַין־קעלער· לאמבריעווקער מילכיקס און לאַמבריעווקער 20־גראָדיקער וויַין האָבן א שעם אין דער גאנצער געגנט· יעדער קאָלאָניסטישע מישפּאָכע פּאַר־מאָגט אירע 15 — 20 העקטאַר ערד, אירע פּאָר רויטע ראַסאָווע בעהיימעס, אירע פּאָר פערד·

זער שווער איז די האָרעוואניע פונעם פויער· און נאָך שווערער איז אויסצוהאלטן, ווען נאָך דעם הייסן סעזאָן פון ביטערער האָרעוואַניע קומט נאָך אויס אונטערצו־

הונגערן צוליב אומגערעטעניש· גאַנוועט זיך אַפטמאָל דורך ביי אייניקע קאָלאָניסטן אין מויעך א שניידנדיקער כאַראָטע־געראַנק· דאָס ערשטע פאַרלאָזטע שטעטל ליגט מיט שווערקייט אויף קאָלאָניסטישע פּלייצעס, לאָזט זיך גישט אזוי גיך אַראָפּוואַרפן· און ערד־אַרבעט ווערט דאָ געפירט אויף אינדיווידואַליסטישע יסודות· און דאָס קליינע פּריוואַט־אייגנטום מאַכט פאַרגרעסערונג· איז פאַראַן שטרע־בונג צו קאָלעקטיוו, צו באַלעגופּישער באַלעבאַטישקייט· קאָן מען עס נאָך נישט אויספירן· און יידן זענען נישט קיין דייטשן· איילן זיך נישט און יידן איילן זיך יאָ· עקזיסטירן אין דער געגנט הונדערט־יאָריקע פּאַרסונ־דעוועטע באַלעגופּישע דייטשישע קאָלאָניעס, דווירעס־לאַנג אויסגעכאָוועטע דורך געדולדיקער, געטרייער האָרעוואַניע· יידן זענען פול מיט טאַנעס· יידן האָבן שטענדיק פּרעטענ־זיעס· און ס׳איז זיי טאַקע שטאַרק שווער אויך· און פּאַר קליינשטעטלדיקייט איז אויך כאַראַקטעריסטיש קינע־געפילן· און אינדיווידואַליסטיש באַלעבאַטעשקייט איז פעטער באָדן פאַר קינע־געפילן· קוקן מאַנכע קאָלאָניסטן איינס אויף ס׳אַנדערע מיט וועלפישע בליקן· בענקען אייניקע אויך נאָכן „שטעקעלע" און נאָכן „גרינגן" גראָשן פונעם אָקאָרשט פאַרלאָזטן שטעטל· אבער ערד בינדט צו· ערד בינדט צו צו זיך מיט טויזנטער, מיט מיליאָנען אומזעבאַרע פעדים· וועלן שוין שטעטלשע יידן פאַרבלייבן לאַמבריעווקער ערד־אַרבעטער·

— — —

··· ביי די מאַריאַסינס אויפן טיש האָב איך געפונען א יידיש בוך: פּערעץ הירשביינס „שוואַרצברוך"· דאָס בוך גייט פון האַנט צו האַנט· לאַמבריעווקער דערקענען זיך

דאָרט, געפונען זיך אליין אין דער עפּאָפּעע פון יידיש־פּיאָנערישער ערד־ארבעט אויף די פעלדער פון די יידישע אויטאָנאָמע געגנטן אין ראטנפארבאנד.

האָט זיך פארצויגן א שמועס מעקויעך די קולטור־אָנגעלעגנהייטן אין דער קאָלאָניע.

די יוגנט איז אויך אומצופרידן, אָבער אנדערש און צוליב אנדערע טאַמים. קלאָגט זי זיך:

ס'פעלט קולטור־ארבעט אין דאָרף. די פירערס פון דער קאָלאָניע ווילן באשאפן א דאָר פון „זשלאָבעס" (גראָבע יונגען) אין דער קאָלאָניע. מ'קאָן קיין ביבליאָטעק נישט גרינדן. ס'קאָנען קיין ציימונגען נישט ארייננקומען. מ'קאָן זיך אין די אָפרו־טעג אויף קיין שמועסן נישט צונויפקומען. זיי, די יוגנטלעכע, האָבן מיטגעבראַכט פון שטעטל די קולטור־באדערפענישן. לאָזט מען נישט אָט די באדערפענישן באַפרידיקן. וואַקסט די קולטורלאָזיקייט און לאמבריעווקע. וואַקסט די אומצופרידנקייט ביי לאמבריעווער יוגנט. וויל מען זיך אומקערן אין שטאָט אַריין: צום בוך, צו דער ציימונג, צום קולטור־קרייז. דער דאָזיקער געראַנגל פאַר קולטור אין דער קאָלאָניע איז איינער פון די טראַגישסטע מאָמענטן, די פינצטערסטע שאָטן־זייט אין דער גרויסער, וויכטיקער ארבעט פון באשאפן א פּראָדוקטיוו־אַגראַרן יידישן יישעוו אינעם טרויעריקן ארום פון יידישן עלנט, דייטשישער סינע און בייזוויליקייט פון דער מאַכט.

איז עס זער טרויעריק. מוז געפונען ווערן דער אויסוועג.

— — —

שטיל לאָזט זיך אַראָפּ דער קילער סטעפּישער אָוונט. אויפן האָריזאָנט האָט אַ פארנאכטיש־בלאָער בארג־שארף

איבערגעהאַקט דעם זון־באַלאָן אויף צווייען, און די איבערשטע העלפט — אָט ווערט זי שוין אויסגעלאָשן אין דער קילקייט פונעם ביינהאַשמאָשעס. פון אונטער דער ליניע פון די קאָלאָניע־הייזער דערטראָגט זיך דאָס „מעקען" פון די קאָלאָניסטישע שאָף און רינדער — שוואַרצע פלעקן אויפן פאַרנאַכטיקן פעלד.

פונעם סטעפ קומען מיט איילנדיקן גערודער יידישע פירן, אין די פורן צונויפגעוואַרפן אין גראָטעסקע פּאָזעס יידישע „שקאָצים" און „שיקסעס" — די צוקונפטיקע יידישע פויערים אין בעסאַראַביע. זיי יאָגן אָן און איבעריאָגן קליינע רייטערס, וואָס צעלאָזן זיך מיט די פערד לענגאויס דער ברייטער, ריינער גאַס פון דער קאָלאָניע.

דאָס זענען די לאַמבריעווקער יידישע קאָזאַקלעך.

— — —

די טיפע־טיפע סטעפּישע זומערנאַכט האָט שוין מאַיעסטעטיש אויסגעשפּרייט אירע שוואַרץ־בלאָע פליגל איבער דער מידער ערד.

מיר כאַפּן נאָך אַריין אַ פּאָר גלעזלעך גרינבלעכן 20־גראַדיקן לאַמבריווקער וויין און געזעגענען זיך אָפּ פון דער מוסטער־קאָלאָניע לאַמבריעווקע־אונגאַרעווקע.

# די טויטע שטאָט

די פּענימער פון די בעסאַראַבער שטעט פאַרמאָגן דאָס אַלגעמיינע, וואָס מאַכט זיי ענלעך איינע צו דער אַנדערער:

— די שמוציקייט, די בלאָטיקייט, די אָפּגעריסן־אָפּגעשליסנקייט זייערע.

— שטעט־האָלעדראַנצעס.

יעדער שטאָט פאַרמאָגט אָבער אויך דאָס, וואָס טיילט זי אויס פון צווישן אַנדערע שטעט, וואָס כאַראַקטעריזירט זי, וואָס ס׳געהערט נאָר איר. דאָס איז אַזוי צו זאָגן דער (פאַרבאָרגענער צומאָל פאַר אירע אייגענע אַליין) אינערלעכער „איך" פון דער שטאָט.

———

די שטאָט ב ע נ ד ע ר (היינט „טיגינע") פאַרמאָגט איר אייגנטימלעכעס, איר „עפּעס", וואָס צייכנט זי אויס אין דער מאָנאָטאָניע פון די בעסאַראַבער שטעט. דאָס דאָזיקע „עפּעס" איז — נישט אירע טיפע בלאָטעס; נישט איר שטינקנדיקער, אַלץ אַרומנעמענדיקער שטויב; נישט דער נייער קינעמאַטאָגראַף, וואָס מיט זיין קוואַזי־מאָדערניסטישן פּאַסאַד בילדעט ער אַ הימלשרייענדיקן דיסאָנאַנס צום גאַנצן אַרום; נישט דער גאָר־גאָר נייער טונקל־כיינעוודיקער וועספּאַסיאַן, דער איינציקער אין בענדער, וואָס די ערשטע צייט איז גאַנץ שטאָט געגאַנגען אים באַוווּנדערן; דאָס איז אַפילע נישט די רעקאָנסטרוירטע בריק איבערן דניעסטער, — אַ בראָכע לפּוואַסטאָלע אויף דער האָפענונג בענהערס ווידער אויפצולעבן עקאָנאָמיש.

דער ל ע ב ע ד י ק ע ר ג ײ ס ט פון דער שטאָט ב ע נ ד ע ר דאָס איז:

— די פינעף קוואָרים פון פינעף יונגע מענטשן אויפן יידישן בייסאָלמען.

———

אויפן סאַמע שפּיץ פונעם „גיסקער" באַרג־אַרויף, האַרט ביים וועג, וואָס פירט קיין קאַושאַן, האָט זיך צעשפּרייט, אַרומגעגרויזעט פון זיינע גראָזע ווענט, דער אַלטער קריסט־

לעכער בייסאוילעס· נישט ווייט פונעם בייסאלמען איז געשטאנען א גרויסער הילצערנער ציילעם, איינער פון די באשיידענע ציילעמעס, וואָס טרעפן זיך אזוי אָפט אויף די סטעפּישע בעסאַראַבער וועגן·

אז מ׳לאָזט שוין אונטער זיך דעם הילצערנעם קרייץ מיטן שכיינעכדיקן בערגל, — אויף וועלכן אין די אַמאָליקע לאַנג־פאַרגאנגענע יאָרן האָט דער באוווסטער רוסישער פעלדמארשאל סוואָראָוו זיך געשלאָגן מיטן טערק פאַר דער הערשאפט איבער בענדער, — און מ׳הייבט אָן אַראָפּצופאָרן אין שטאָט אריין, כאַפּן מאנכע מענטשן נאָך אלץ פול מיט דערמאָנונג און רעוואָלט א קוק אהינטער צו דער וואנט פונעם אלטן בייסאוילעם·

······מיט א אנדערטהאלבן צענדליק יאָר צוריק, אין איינער פון די שוואַרץ־כווישעכדיקע נעכט, וואָס לאָזן זיך אָפּטמאָל אראָפּ אויף דער ערד, ווי א אויסטערליש־ריזיקער שוואַרצער פליגל פון א רויב־פויגל, איז די נאס־פינצטערע לופט פונעם פוסטן פלאץ ארום בייסאוילעם, מיט דער נאָענטער איינזאם־וויסטער כורווע, אויפגעשוידערט געוואָרן פון א שניידנדיג־שאַרפן געשריי, פון א הארצרייסנדיקן יונג־מיידלשן קווימש· נאָך א געשריי, נאָך אַ קוויטש; עטלעכע טרוקענע שאָס־קנאלן — און אלעס איז ווידער שטיל געבליבן אינעם שווערן נאַכטישן ארום·

אין יענער שרעקלעכער נאַכט, ביי דער טויבער, גראָער וואַנט פונעם אלטן קריסטלעכן בייסאוילעס, האָבן יוליק און טאַמאַרע מיט זייערע דריי נאָענטסטע באוויירים דאָס יונגע הייליקע לעבן זייערס אַוועקגעגעבן פאַרן גליק פונעם בעסאַראַבער ארבעטנדיקן פאָלק·

וואָכנווייז האָט דעמלט די בוקארעשטער רומענישע

דעמאָקראַטישע פּרעסע געשטורעמט די הערשנדע אָלי־גאַרכיע מיט מאָנונג:

— ווו איז יויליק?!..

פינעף אומפאַרגעסלעכע קוואָרים אויפן בענדערער יידישן בייסאוילעם; אין דריקנדער, ליגנערישער שטיל־קייט צו קווורע געבראַכטע 5 האַרוגים אל קידעש האַפּריי־הייס! איר זענט עס דער לעבעדיקער „איך" פון עם טויסן בענדער.

זאָלן די אויבנגעבראַכטע פּאָר שורעס אלס דער־מאָנונג לויכטן פאַר די יונג־פאַרשניטענע העלדישע 5 נעשאָמעס...

———

וואָס איז דאָ עפּעס באַזונדערס צו זאָגן וועגן בענדער?

אינטערעסירן דאָך נישט אין אונדזער פאַל נישט די בענדערער גאַסן, נישט די הייזער, נישט דאָס גאַנצע קלעגלעכע אויסזען פון דער שטאָט.

בענדער — א אָפּגעשטאַנענע שטאָט. „שטאָט" לויטן בעסאַראַבער מאַסשטאַב. אייגנטלעך א גרויס דאָרף.

אין דער דאָזיקער שטאָט — אמאָל א וויכטיקער האַפן אויפן דניעסטער — דרייען זיך מענטשן — לעבעדיקע מייסים — ארום „שלינג און שלאַנג" פונקט, און טאַקע נאָך מער ווי אין אנדערע בעסאַראַבער שטעט.

און די וואָס שטייען שוין יאָ מיט פּאַרנאָסעס אין גאַס, האָבן אויך קיין פאַרנאָסע נישט.

ווי אין אלע בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך פאַר־נעמט זיך דער אָפּגעקומענער קליינבירגער מיט פּאָקער־שפּיל און מיט קאָהעלשע איניאָנים.

און דער ארבעטסלאָזער ארבעטער — מיט זיינע קול־סור־ און דראַמקרייזן.

אָבער דאָס אלעס געהער דאָך צום פאַראַלגעמיינערטן פּאָנעם פון די בעסאַראַבער שטעט.

בלייבט דער „איך" פון דער שטאָט בענדער דאָרט ביי די פינעף קוואָרים אויפן בענדערער יידישן בייסאלמין...

## פּאַרנאָסעס...

דאָס בעסאַראַבער יידישע שטעטל איז דיפערענצירט... ניין, היפּערדיפערענצירט. און נישט אזוי עקאָנאָמיש, ווי פּאָליטיש. וואָרום, עקאָנאָמיש איז מען שוין, מיט קליינע אויסנאמען, קימאט אויסגעגלייכט. די שטעטלשע איינוווינער אין זייער גרעסטער מערהייט, — זענען אלע גרויסע קאבצאָנים. ווער ס׳איז נאָך א גיסטער, און ווער ס׳האָט שוין געזנצלעך פארלוירן יעדן שפור פון דער אַמאָליקער קליינבירגערלעך־ גאוועדיקער בושע... און די פון דער צווייטער קאטעגאָריע זענען שוין אַן איבערוועגנדיקע מער־הייט. דער קליינער מענטאליטעטס־ניואנס וועט זיכער אינגיכן אָפּגעווישט ווערן.

ס׳האָט זיך געשאפן א לאגע, פון וועלכער קיין אויס־גאנג איז היינטצוטאָג דערווייל נישטאָ. אלע בריקן צו די פריערדיקע פּארנאָסעס זענען שוין פארברענט. און מ׳לעבט בלויז מיט דעם זער אומבאשטימטן געפיל... פון וואַרטן אויף ניסים.

זעט איר, פּאָליטישע דיפערענציאציע — איז גאָר עפּעס אנדערש. פּאָליטיש איז מען צעטיילט און (שטאַרק

אַקטיווּ· און אַקטיוו (שטאַרק!) איז מען, ווייל מ׳האָט אָן א שיער·· צייט· מ׳איז שטענדיק פריי··· פון פּאַרנאָסע, פון ארבעט· זוכט מען רעטונג פאַר זיך און פאַר קאָל־איסראָעל אין פאַרשידענע פאַרטייען און פראָגראַמען· קומען אויף פארטייען, פּראָקציעס, גרופּירונגען און פליגלען — ווי די שטערן אין הימל· און דאָס אלעס מיטינגירט, דע־באַטירט, דיסקוטירט, אַמפּערט זיך און (א ניי אמעריקאַניש אָנשיקעניש) סימפּאָזיאָנירט· דאָס לעצטע איז גאָר אין דער מאָדע·

און גאָר־גאָר וויכטיק איז, וואָס גאַנץ אָפט קומט עס אויך צו געשלעגן·

···אָבער צו פּארנאָסע קומט דאָס נאָך נישט· פעלט טאקע דאָס מין·

איז פארשווינדן קימאַט דער גאַנצער ברויט־האַנדל· ליגן טיף אין דער ערד די שניטסכוירע־קראָמען· און ס׳זענען שוין אפילע איבעריק געוואָרן די ליטעראַרישע מישפּאָטים איבער מענאַכעם־מענדלען, ווייל אויך מענאַכעם־מענדל געהערט שוין באַלד צו די פיגורן פון דער מער־וויניקער גליקלעכער פאַרגאַנגענהייט·

דער אלמעכטיקער פאַרלאָזט אבער נישט זיין פאָלק איסראָעל· האָט ער געעפנט פאַר די בעסאַראַבער א זעלטן־וואונדערבאַרן קוואַל פון נייע מינע פּאַרנאָסעס, א קוואַל, פון וועלכן, פאַרשטענדלעך, נישט יעדערער קאָן שעפּן, סיי צוליב דער אומריינקייט פון זיינע וואַסערן, סיי איבער דעם געדרענג און שטופעניש, וואָס קומט פאַר ארום אים·

ווייסט איר וואָס דאָס איז אַזוינס — פאַרטיזאַנסטווע? אַוואַדע ווייסט איר·

פאַר אייערע אויגן שוועבן א יף בילדער פון דער

פאַרגאַנגענהייט, פון דער ווייטער און פון דער נאָענטער·
איר דערמאָנט זיך, וואָס איר האָט געלערנט אין דער
רוסישער היסטאָריע, וועגן פּאַרטיזאַנישע פויערים־אָפּ־
טיילונגען, וואָס האָבן, — שליסנדיק א בונד מיט די
באַרימטע רוסישע פרעכט און שנייען, — אין יאָר 1812
פאַרטריבן דעם גרויסן נאַפּאָלעאָנס ארמייען פון
רוסלאַנד·

ווייטער דערמאָנט איר אייך אָן די לעגענדאַרע רויטע
פּאַרטיזאַנען, וואָס האָבן אונטער דער פירונג פון טשאַ־
פּאַיעוו, שאָרסן און די אנדערע העראָיש געקעמפט
בעת'ן בירגער־קריג אין רוסלאַנד קעגן די קאָנטער־
רעוואָלוציאָנערע אַרמייען פון די בלוטיקע קאָלטשאַק, דע־
ניקין, וראַנגעל·

יאָ, יאָ· זיכער איז דאָס די ריכטיקע פּאַרטיזאַנשטשינע·

אָבער ס'נאָך פאַראַן אן אנדער מין פּאַרטיזאַנשטשינע, א
געבוירענע אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פונעם נאָכ־
מילכאָמעדיקן בעסאַראַביע·

צו קיין מילכאָמע־מאַכשירים האָט זי אפילע נישט צו־
געשמעקט, כאָטש א מילכאָמע־פּראָדוקט איז זי· און
הילכעס בירגער־קריג ווענדעט זי אָן בלויז בעשאַעס וואַלן
אין פאַרשידענע מעלוכע־ אָדער שטאָטישע קערפערשאַפטן·
צום פּאַרלאַמענט אָדער אין שטאָט־פּאַרוואַלטונג·

זי איז אן אייגן „בלוט־און פלייש"־קינד פונעם רומע־
נישן פּאָליטיטשיאַניזם·

דער נאָמען — פּ אַ ר ט י ז אַ ן האָט אין רומעניע פאַר־
לוירן דעם נאָבעלן גלאָריאָזן גלאַנץ פון ראָנגלעניש פאַר
פרייהייט, און האָט דערפאַר באַקומען דעם ספּעציפישן אין

ניט גאָר פיינעם, אָבער פאַרדעם מער נוצלעכן בייגעשמאַק פון „קאַשקאַוואַל“ *).

זיין א פאַרטיזאַן הייסט — וואָס מער פילדערנדיקע געטריישאפט און אונטערטעניקייט ארויסווייזן צון איינער פון די הערשנדיקע רומענישע פאַרטייען און, וואָס נאָך וויכטיקער און נוצלעכער, צו זייערע „שעפן“. ווערט די דאָזיקע פאַרטיזאַנישקייט א קוואל פון פאַרנאָסע פאַרן „היינט“. אין ערגסטן פאל גיט זי ראָזעווע האָפענונגען אויף א גליקלעכן „מאָרגן“.

האָבן זיך געוויסע טיפן יידעלעך א ווארף געטון אויף דעם נייעם פארנאָסע־קוואל. שטעטלדיקע יידישע פניי און רעדלפירערס, גווירים און אָפּגעקומענע, באַנקראָטירטע אידעאליסטן און יונגעלייט, וואָס קוקן אין טאכלעס אריין, געשווירענע שטאדלאָנים און פיפיקע אַפּאַטשעריסטן, הייסע יידישע נאציאָנאליסטן און „אינטעליגענטע“ פּאָקער־און רעמי־לייט. מ׳האָט גענומען אין די הענט אריין דעם פּאָליטישן קאָמפּאַס און געפּאָרשט ווהין דער ווינט בלאָזט. מ׳האָט אוועקגעלעגט די גויראָלעס פון די פירנדיקע רו־מענישע פאַרטייען אויף וואָגשאָלן: וועלכע וועט איבער־וועגן.

פרעגן איינע: בלייבן מ י ר ביי דער רעגירונג, צי נישט? („מיר“ דאָס זענען פארשטייט זיך די אָליגאַרכן ביים מעלוכע־רודער).

האָפן און טרייסטן זיך די אנדערע: אונדזערע קומען! און דערווייל גייט קיינעאָרע דער האנדל: אין די שטאָט־פארוואלטונגען, אין די קאָמונאל־ווירטשאפטלעכע

---

*) אַזאַ קעז. דער נאָמען באצייכנט אויך: דאָס נעענע זיין פון מעלוכעשן פארמעגן.

אינסטיטוציעס, אין די פּילצאָליקע אדמיניסטראַטיווע און שטייערן־אַמטן, אין די האנדלס־קאמערן.

פּורניטורעס, באַפּאָלמעכטיגונגען, פּראָטעקציע, שטאַדלאָנעס און באקשיש. אלץ גאנגבארע, פּרימאַ־שעבעפּרימע אַרטיקלען פּאַרן פּאַרטיזאַנישן אוילעם. און וועאַל־קוילעם — די קרוינונג פון די גרעסטע אַמביציעס, די לוין פון ־גע־ טריישאפט צום „שעף" — א דעפּוטאַטן־ אָדער סענאַטאָרן־בענקל.

און גאָר א מעכאַיעניש איז איירעוו וואַלן. אומפאַרמייַדלעכע קלייזלעך, רוגזעלעך, ברויגעסלעך, קריגערייען, קינע, כעניפע און נעקאָמע.

טרעפט זיך צומאָל, ראכמאָנע ליצלאָן, פּאַרטיזאַנעס פאלן, נעבעך, ביטער אריין. זענען זיך טויע אין די כעשבוינעס, אין אויסקוק.

ס'איז א פאַקט, אז די פירנדיקע פּערזאָנען פון קימאט אלע רומענישע בירגערלעכע פּארטייען זענען מערסטנטייל אָפענע אָדער פאַרבאָרגענע אַנטיסעמיטן. דער אַנטיסעמיטיזם זייערער קומט צום אויסדרוק גאנץ ציניש־אָפנהערציק, ווען זיי זענען ביי דער רעגירונג. פאַרשטעלטער אַביסל איז ער, ווען זיי זענען אין אָפּאָזיציע. אָבער, פאַר א יידישן פּאַרטיזאַן איז עס א קלייניקייט. ס'מאַכט נישט אויס, דער איקער איז — פּאַרנאָסע.

פּאַרן גרעסטן טייל פּאַרטיזאַנעס איז טאַקע דאָס שטיקל קוגלביים פּאַרטיזאַנישן טיש גאַנץ פּראָבלעמאַטיש.

דעם נייעם פּאַרטייאישן בירזשעוויק איז אָבער אפילע געווג דער הו־האַ אויף דער פּאַרטיי־בערזע. אַבי ס'גייט אָן דער „האָס" און „בעס" אויף נאציאָנאַל־ליבעראלע,

נאַציאָנאַל־צאַראַניסטישע, אווערעסקאַנישע און אנדערע פּאַרטייאישע אַקציעס.

דער אויסדערוועלטער טייל פּאַרטיזאַנעס אָבער, באַזונדערס די וואָס מאַכן שטענדיק די „נאַוועטע" צווישן דעם הויפּט־שטאָטישן פּאַרטיי־צענטער און דעם פּראָווינציעלן קלוב, מאַכט גאָרנישט שלעכט ביים פֿאַרשאַכערן יידישע שטימען (און אינטערעסן!) צו די העכערע פּאַרטיי־אינסטאַנצן.

אָבער, אזוי אָדער אנדערש, זער נייער פּאַרנאָסע־קוואַל גיסט דערווייל זיינע קאַלאַמוטנע־שמוציקע וואַסערן אויף די מילדערער פֿון די יידישע פּאַרטיזאַנעס. און דאָס מאָדערנע בעסאַראַבער שוואַרצע שאַכער־מאַכערישע רעדעלע דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך...

## Via dolorosa

...גרויער אומעט קריכט אין פֿענצטער פֿון וואַגאָן. דער צוג שניידט דורך בעסאַראַבער פֿעלדער, וואָס גייען איצט אויף אין אָווענט־בלוילעכער געשווילעכץ. ווו נישט ווו הייבן זיך אויפֿן סטעפּישן לייב נאַקעטע לאָנקעס, ווי ריזיקע בלאָטערן...

סטעפּעס בעסאַראַבישע, וואָס איז געוואָרן פֿון אייך?!.. אמאָליקע יאָרן פֿלעגן טויזנטער באַנען אוועקפֿירן גאָלדענע בעסאַראַבער טווע קיין אויסלאַנד. און ביי די האַפֿנשטעט אויפֿן דניעסטער פֿלעגן שיפֿן און באַרזשעס אָנפֿולן זייערע איינגעווייידן מיט ברויט און פּרוכטן, און שווער אָטעמענדיק אָפּגייען אין דער ווייטער וועלט אַריין.

און דאָס לעבן האָט געזאָטן אין די שטעט ביים דניעסטר. און טייך־אראָפּ און טייך־ארויף פלעגן שיפן, ווי שטאָלצע ווייסע שוואנען, פירן פּאַרנאָסע און שייפע פאר די ברעג־גישע שטעט. און יידן ארום שטעטישע וואָקזאלן האָבן „געגרויזט” וואגאָנעס. און געראַשט. און געזשומעט. און געמאַכט א לעבן...

היינט איז דער דניעסטר ווי אָפּגעשטאָרבן. טויט־ווייסע שטילקייט הערשט אויף אים. און בלויז די אייביק אומרויקע כוואַליעס זיינען רוישן אומעטיק, סוידעספּול, און איילן זיך, אונטערטרייבנדיק איינע די אנדערע, ווי שטרעבנדיק צו פארלאָזן די דאָזיקע ברעגן... אנט־לויפן... אנטלויפן...

אויך די בעסאַראַבער פעלדער זענען ווייסט געוואָרן, זענען אַקאָרעדיק, געבוירן קיין פרוכט נישט. פּאַרוואָס?!.. סיבעס זענען דאָ איבערגענוג...

— — —

... מאָרעשכוירעדיקע פּאַנאָראַמע־בילדער.

יידישע שטעטלעך, ווי בלוטנדע וווּנדן אויפן קראנקן קערפּער פון בעסאַראַביע. געדרייטע, קרומע הייזער־ליניעס. הייזער, ווי אויף די בילדער פון שאַגאַלן. באַלקנס, ברייטער, גאנעקעס, פּאָדאשעקעס, לייטערס. אויפגע־שטעלטע, אויסגעפּלאַנירטע לויט משונעדיקע, אויסטערליש פּאַרדרייטע געאָמעטרישע קלאָלים. קאָנסטרוקטיוויסטישער דעקאָר פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק”.

און ס׳ווימלט אין פּאַרמאַבלדיקן שמוץ יידישע אָרימ־קייט, דאכקעס און נויט. און ס׳רייטן נאָך פון אויבן מיט בלייערנער מאַסע דער זשאַנדאַרם, דער שטייערן־מאָנער און דער גוויר, דער איינצלנער, עפּשער, אין שטעטל.

אין די בעסאַראַבער יידישע שטעטלעך איז לעצטנס קימאט גענצלעך פארשווינדן דער מיטלער שטאנד, דער מיטלער באלעבאָס. היינט — איז שטעטל פול מיט יאָרדיבי. נישטאָ קיין פּארנאָסע אין די שטעטלעך. זענען יידישע יישובים אויסגעשטעלט אויף אונטערגאנג. אויסזיכטסלאָזי־הילפלאָזי. און מאַכטלאָז עפּעס אונטערצונעמען. טראַכטן אייניקע: פּאַלעסטינע!.. כאָלעמען אנדערע: בירעבידזשאן!.. איז דער וועג געשפּאַרט. זענען טויערן פאַריגלט. פאַר־שלאָסן...

———

... שטייען יידן שטומע אויף בעסאַראַבער וואָקזאלן. שטייען שטומע און קוקן מיט בענקשאפט נאָך אָפגייענדיקע באנען. און ס׳דאַכט זיך, אז יעדער צוג פירט מיט זיך אוועק אַן אָפּגעריסן שטיק יידיש האַרץ.

שטייט יידישע יוגנט אויף די בעסאַראַבער וואָקזאַלן און קוקט מיט בענקשאפט אויגן צו אָנגעקומענע צוגן, און קוקט מיט פאָרוואורף צו אָפגייענדיקע צוגן:

— פאַרוואָס, פארוואָס נעמט איר אונדז נישט מיט מיט זיך!? פאַרוואָס לאָזט איר אונדז דאָ איבער אין די שטעטלעך פארמישפּעטע אויף אונטערגאנג!?

און קאלט־גלייכגילטיקע צוגן גייען אָפּ און פארשעמטע בלייבט יוגנט שטייען אויף די אומעטיקע, ביין־האַשמאָ־שעסדיק מאָרעשכוירעדיקע שטעטלשע וואָקזאלן...

———

נאָך שטייען זיי פאַר מיינע אויגן די הינטערגעסלעך פון כאָטין.

אָ! ווען די הורע־פּאַטריאָטן און אַנטיסעמיטן וואָלטן נישט געווען אזוי בייזוויליק־איינגעשפּאַרט, און אנשטאָט

צו שרייען און פילדערן וועגן יידישן געוועלטיקן איבערן
לאנד, וואָלטן זיי זיך אַראָפּגעכאַפּט אין די יידישע הינ־
טערגאַסן פון די בעסאראַבער שטעט און שטעטלעך! זאָלן
זיי נאָר א שפּאַציר טון איבער דער אויבנדערמאָנטער
פּעריפעריע פון כאָטין. און אויב ס׳איז נאָך אין זיי, ער־
געץ אין די טיפענישן פון זייערע נעשאָמעס פארבליבן א
פונק פון מענטשלעכקייט, וואָלט זיי א מוירעדיקער גרויל
אָנגעכאַפּט ביי דעם אָנזיכט פון מענטשלעכן עלנט, פון
נויט און אומגעהויערער דאַכקעס, וואָס הערשט דאָרט
צווישן די יידישע מאַסן.

זיי, די דאָזיקע בייזוויליק־פארבלענדעטע, וואָס שרייען
מיט זייער כוצפּעדיק־נאַרישן געשריי וועגן יידישער אַשי־
רעס, וואָלטן דערזען פאַר זיך א וועלט פון גענצלעכער
אָרימקייט; געסלעך שמוציקע, ענגע. הייזלעך האלב־פאר־
זונקענע אין דער ערד, אָן א ברעקל זונען שטראַל, אָן א
ביסל לופט. מענער און פרויען, וואָס טראָגן אויף זיך
דעם כויסעם פון פולשטענדיקער פאופּעריזירונג, קינדער —
פריצייטיק פארוויאנעטע בלימלעך. פון וואָס דער דאָזיקער
מענטשלעכער שיווער לעבט איז גאָרנישט צום באגרייפן.
זיכער איז אלנפאלס: דאָס מין לעבן איז קיין לעבן נישט.
ס׳איז א פּערמאנענטע אַגאָניע.

— — —

... דעם שפּאַציר האָב איך געמאַכט. אָבער וואָס זאָג
איך שפּאַציר?! די געסלעך, וואָס פירן צו דער אַלטער
כאָטינער פעסטונג — דאָס איז די עמעסע Via dolorosa.
די פעסטונג אליין האָט זיך מיט אירע אימפּרעסיאָנאַנטע
ציקלאָפּיש־שטיינערנע רואינען צולעגט ביים הויכן
דניעסטער־ברעג אויף די לאָנקעס און בערגלעך. זומער,

אין די הייסע נאָכמיטאָגן, קומט אהער די שטאָטישע יוגנט כאַפּן אביסל פרישע לופט, וואָס שמעקט דאָ מיט שוין נאָענטן סטעפּ. אין די געסלעך ביי דער פעסטונג ליגט כאָטיש צונויפגעוואָרפן, צונויפגעדרענגט א מענטשהייט, וואָס שמאַכט אין די קליינע, נידעריקע שטיבלעך, מיט פאַרצייטיקע גאַניקעס. אין קליינע פענצטערלעך, ווי בעלמעס אויף אויגן פון בעטלער גלאָזן בלינד אויפן דורכגייער.

דאָ פייניקט זיך אין טאָג־טעגלעכער דאַכקעס א האָרעפּאשנע מענטשן־מאַסע. דאָ דרייט זיך אום מערסטנטייל פאַרנאָסטלאָזן דער אָרעמער יידישער באַלמעלאָכע, וואָס האָט נישט ביי וועמען קיין ביסל ארבעט אָנצונעמען. דאָ בלאָנקעט זיך ארום א יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס אין די „גוטע״ צייטן ווערט ער ביטער עקספּלואַטירט פון היימישן יידישן קאַפּיטאַליסט, און אין דער איצטיקער קריזיס־צייט לעכצט ער נאָך אביסל ארבעט... און נאָך קולטור...

...וואָס קוקט מיר אזוי נאָך דער אלטער ייד, וואָס איבער זיין געוויכט האָט דאָס לעבן יאָרנלאַנג געפירט זיין אקעראייזן, און וואָס זיין ברייטע שניי־ווייסע באָרד טיילט זיך אזוי רעליעף אויס אין דער טונקלער אָפּגעקאַלופּעטער פענצטער־ראַם?! זיינע ליפּן שטאַמלען — הונגער. ער בעט א נעדאָווע — דער דאָזיקער ייד, מיטן בעקאָוועדיקן האַדרעסדיקן אויסזען.

און ער איז נישט דער איינציקער אין די געסלעך, וואָס פירן צו דער אלטער פעסטונג אויפן ברעג פון דניעסטער...

———

...ווען איך בין אריינגעקומען צום יונגן יידישן דיכטער אין הויז איז ער געזעסן ביים מיטאג. דער מיטאג איז באשטאנען פון א שטיקל קאלטער מאמעליגע מיט רויטן פארזשאווערטן הערינג. און אין שטוב איז געווען טרויעריק. ביים פאָטער האָט היינט דער שטייערן־מאָנער צוגענומען נויטיקע זאַכן פון שטוב. איז קיינער פון די שטוביקע אין דערהיים נישט געווען. א כוץ אים — דעם שטענדיק איבעריקן אין שטוב.

וווהין און צו וואָס זאָל ער זיך צוקלעפן ?... טיילט ער דעם גורל פון קימאט א גאנצן דאָר שטעטלדיקער יוגנט. פון א יוגנט, וואָט נישט נאָר זי האָט ביי קיינעם קיין עקאָנאָמישע (און קיין שום אנדערע !) פאָזיציעס נישט פארכאפט, נאָר, וואָס האָט ביקלאל קיין שום פאָזיציעס אין איר לעבן נישט פאַרנומען... א יוגנט אָן פאָזיציעס ! די דאָזיקע יוגנט איז פילצאָליק און אידעאַליסטיש. גאַרט נאָך ארבעט און נאָך א שענערער, א גערעכטער וועלט. און אומעטום איז זי די זעלבע : אין כאָטין און אין אַקער־מאַן, אין טיגינע און אין בעלץ, און אין צאָפן־ ווי אין דאָרעם־בעסאַראַביע. אומעטום איז זי דער גרעסטער קאָרבן פון דער היינטיקער געזעלשאפט. און איר וועג איז מיט די קעמפנדע פאַר א נייער מענטשהייט.

## יידישלאנד

סטאַנציע דראָקיע.

— דאָמנוליע, איר דאַרפט קיין זגוריצע ? 40 ליי אַ פאָר.

— מאַסקים. ווען פאָרן מיר ?
— טאַקע שוין.
דער באַלעגאָלע האָט איינגעשפּאַנט די קליאַטשעס און איך בין אַרויף אויפן וואָגן. דער וואָגן איז גרויס און ברייט. אלע באַלעגאָלישע וועגענער זענען דאָ גרויס און ברייט. ס'איז גאָרנישט צום באגרייפן ווי אַזוי די קליאַ־טשעס קאָנען שלעפּן די דאָזיקע מאַכינע, ווען זי איז „אָנגעזעצט“ מיט פּאַרשוינען. איצטער בין איך אָבער גע־ווען איינער אליין, און ס'האָט מיר ווי אַ קאַדאָכעס גע־וואָרפן פון איין זייט וואָגן צו דער צווייטער, מאַכמעס דער וועג איז געווען צעגראָבן און דער וואָגן איז געווען ווי אַ שיף אויפן יאם בעשאַס א שטורעם. אזוינע זענען זיי שוין די בעסאַראַבער וועגן.
אָפּפאָרנדיק אַן ערעך א קילאָמעטער פון דער סטאַנציע, גיט עפּעס דער באַלעגאָלע אַ ברום אונטער דער נאָז און פאַרקערעוועט די פערד אויף צוריקצווועגס.
— ווהין איז, פּעטערשע ?
— קיין דראָקיע... נאָ־אָ... כאָליערעס !..
— וואָס הייסט קיין דראָקיע ? מיר דאַרפן דאָך קיין זגוריצע.
— איר דאַרפט קיין זגוריצע. איך דאַרף קיין דראָקיע.
— וואָס איז די מייַסע ?
— די מייַסע איז, וואָס פאַר קיין 40 ליי פאָר איך נישט. איך וועל איבערנעכטיקן אין דראָקיע און...
— פאַר וויפל דען פאָרט איר יאָ איצטער ?
— 60 ליי. קיין איין באָן נישט ווייניקער.
— דאָס גאָר ? וואָס־זשע האָט איר נאָך באַדאַרפט אויסקערעווען די פערד צוריק קיין דראָקיע ?

— אַ נײַעס נו! אַנדערש וואָלט איר דאָך מיר נישט „נאַבאָוועט" די 20 ליי...

———

... כ'האָב מיך געאײַלט. כ'בין אַרײַן אין דער ערשטער בעסטער פריזעריע, וואָס האָט זיך מיר געטראָפן. דער סאַלאָן איז געווען איבערגעפולט מיט אײַרעוו־שאַבעסדיקער קליענטור. דערזעענדיק פאַר זיך אַ פּאָנעם כאַדאָשעס, האָט דער פריזירער באַפרײַט פאַרמײַנעטוועגן אַ פּלאַץ. איך האָב מיך באַזעצט אין באַקוועמען ווײכן שטול כאַפּנדיק בעשאַפּס מײַסע אַ קוק אויפן אוילעם. דער סאַלאָן האָט אויסגעזען גאַנץ אַנשטענדיק, גאָרנישט קלײנשטעטלדיק. דער פריזירער האָט מיך דערווײַל פּאַרפּוצט מיט אַ שעמערירנדיק־ווײַס לײַלעכל. איך האָב „אָנגעצילעוועט" מײַנע אויגן צום שפּיגל. און דאָ האָט מיך אַדורכגענומען אַ מאָדנע געפיל פון פרייד, וואָס מען מוז זי האַלטן אין זיך. (דער פריזירער האָט מיר שוין גענומען גלעטן ס'פּאָנעם מיטן גאָל־מעסער...) די פרייד האָט זיך מיר צעגאָסן איבערן גאַנצן לײַב. איבערגעפולט מיר די אָדערן.

פונעם שפּיגל האָט צו מיר אַראָפּגעקוקט דורך זײַנע גרויסע ברילן... עליעזער שטײַנבאַרג.

אַ גרויסער פּאָרטרעט זײַנער איז געהאַנגען אויבן אָן אויף דער וואַנט קעגן שפּיגל.

איך האָב מיך דערפילט היימיש אין פרעמדן שטעטל...

———

... קומט מיט מיר, איר קאַדיש־זאָגערס נאָך ייִדיש־לאָשן, איר זויערע סקעפּטיקער און מאָרע־שכוירעדיקע

פעסימיסטן פון אלע יידישע קרײַזן און פּאַרטייען — קומט מיט מיר אין יידישלאנד אריין, אין דער „אָפּגעשטאנענער" בעסאַראַביע !..

דאָרט וועט איר זיך אָפּפרישן דאָס פארלעגערטע ביסל יידיש אויף אייערע לעפצן, דאָרט וועט איר, — ווי א קינד ביי דער מוטערס ברוסט, — זיך אָנזויגן מיטן געשמאַקן, מעכאַיעדיקן זאפט ביים אומאויסשעפּלעכן קוואל פון אונדזער פאָלקס־שפראך.

דאָרט וועט איר ערשט זיך גענצלעך איבערצייגן, אז ס'איז נאָך צו פרי צו טראַכטן אפילע וועגן א ראַבאָנען־קאַדיש נאָך יידיש. ווייל יידיש לעבט אין בעסאַראַביע דעם לאנד, א פולבלוטיק געזונט לעבן. און קיינער דאָרט פארטראכט זיך גאָרנישט איבער דעם גורל פון דער שפראַך.

— — —

... מערקווירדיק ! .

ווען דער צוג טרעט נאָר אריבער די גרענעץ צווישן אלט־רומעניע און בעסאַראַביע, באמערקט זיך טייקעף א שארפע ענדערונג אין דער שפראך פון די פאסאזשירן, גלייך ווי עמיצער וואָלט מיט א כאלעף איבערגעהאקט דעם געשפרעכן־פאָדעם אין רומעניש פונקט אינמיטן און אָנגעקניפּט אין דער שטיקנדער לופט פון די וואַגאָנעס א שמועסן־קנויל אויף יידיש.

די וואַגאָנעס זענען פול מיט יידיש־לאָשן. און אזוי געדיכט ווי די יידישע אטמאָספער אין וואגאָן.

איז מען אריבער בעשאָלעם דעם פרוט, מוז מען שוין נישט זיצן אָנגעשטרענגט, מוירע האָבנדיק זיך ארויסצוכאפּן מיט א יידיש וואָרט... און מען מוז שוין אויך

נישט זיצן און שווייגנדיק צוהערן, ווי די רעגאטער יידן ברעכן זיך נעבעך די צונג אויף רומעניש און גיבן זיך אויס מיט זייער „פיינעם” אקצענט...

———

איצט זענען מיר ארייננעפאָרן אין קיניגרייך פון יידיש.

אין די בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך רעדט מען און מען לייענט יידיש. (באזונדערס די יוגנט). מען פירט געשפרעכן אין יידיש. דאס געזעלשאפטלעכע לעבן, די געזעלשאפטלעכע טעטיקייט קומט צום אויסדרוק אויף יידיש. נישט קוקנדיק אויף דער געצוווּנגענער ליקווי־דאַציע פונעם יידישן שולוועזן אין בעסאראביע, ווערט די שפראך געפלעגט און אָרגאניש אנטוויקלט צווישן די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן, ארבעטער־קרייזן און... ציאָ־ניסטישע אָרגאַניזאַציעס. יאָ, אפילע פון די פּאַרביסנסטע ציוינים־העברעיסטן!... ארויפלעגנדיק אין פאלעסטינע א שלאָס אויפן מויל פון די אימיגרירטע ארבעטער־מאַסן, ווילן זיי דאָך נישט בלייבן אליין שטום אין גאָלעס און... שאַרפן זיך די צונג אויף יידיש, שאַרפנדיק, שלייפנדיק, לויטערנדיק און באַרייכערנדיק די שפראַך...

אזוי איז זיך יידיש נויקעם אָן זיי.

ס׳איז מיר אויסגעקומען אַ פּאָר מאָל בעשאַעס מיין טורנע איבער בעסאראַביע (אויך אין רעגאט) אנטיילצו־נעמען, — זייענדיק ספעציעל איינגעלאדן, — אין „שמועסן” (שיחות), אָרגאניזירטע פון כאלוצימישע קוווּצעס.

מיט וויפל פרייד און באוווּנדערונג איך האָב זיך צו־געהערט צום יידיש פון די כאלוצים פון „האַשוימער האַ־צאָיר”, וועלכע האָבן מיר אָפּאָנירט. און איך האָב געטראכט:

ווי אזוי וועלן די דאָזיקע כאלוצים קאָנען אין פאלעסטינע זיך אָפּואָגן, זיך אָפּטרעסלען פון דער דאָזיקער שפּראַך, אין וועלכער זיי זענען פארוואָרצלט און וועלכע קלינגט אזוי ווונדערשיין אין זייער מויל?... און עפשער זי נאָך באקעמפן אזוי כוליגאניש, ווי מען באקעמפט זי אין „יידישן" לאנד! ?...

. . . . . . . .

אמאָליקע יאָרן, נאָך „אונטערן רוס" — האָבן שטעטלשע קאַוואַלירן און „באַרישניעס" — געהאַקט אויף די אָוונטיקע שפּאַצירן אויפן שעס אָדער אויף דער „גלאוונע" גאס די „רוסקי רעטש".

נאָך דער מילכאָמע האָט מען זיך ארומגעקוקט, אז דאָס קאליטשען א פרעמדע שפּראַך — אי ס׳טויג אויף קאפּאָרעס, אי סע ברענגט קיין נוצן נישט... אז מ׳איז מיט די פרעמדע שפּראַכן גאָרנישט זיכער...

האָט מען זיך א נעם געטון צו דער מאמע־שפּראַך. האָט מען אָנגעפולט ביבליאָטעקן מיט יידישע ביכער.

זענען היינט צו טאָג מוישע נאַדיר, לייוויק, אָפּאטאָשו, בערגעלסאָן ביז גאָר היימישע און נאָענטע, און גאנגבארע נעמען אין וואָקאבולאַר פון שטעטלשע ליטעראַרישע שמועסן, פון פערעצן, מענדעלען, שאָלעם אַלייכעמען — שוין אָפּגערעדט.

און אלס רעזולטאט — וואַקסט שוין אויך אונטער אין בעסאראַביע א דאָר יידישע שרייבערס, דיכטערס, קריטיקער און עסייאיסטן, וועלכע וועלן זיכער פאַרנעמען אַן אָרט און, ווארשיינלעך א בעקאָוועדיקס, אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָלטן נאָר געקומען די פאַסיקע באַדינגונגען.

———

און ס׳גיט זיך א טראַכט צו די מעגלעכקייטן, וואָס וואָלטן זיך געוועזן געעפנט פאַר דער יידישער פאָלקס־קולטור, ווען דאָס יידישע שולוועזן, וואָס האָט זיך אזוי שיין אנטוויקלט אין בעסאראַביע און בוקאָווינע אין די ערשטע פאָר נאָכמילכאָמע־יאָרן, וואָלט נישט אזוי אַכזאָריעסדיק פאַרניכטעט געוואָרן...

דאָס יידישע שול־וועזן, וואָס איז אזוי אידעאַליסטיש, אזוי מעסירעס־נעפעשדיק און אויף אזאַ הויכן ניוואָ אָנגעפירט געוואָרן פון אזוינע מענטשן און פאַכמענער, ווי שייקעוויטש, באַראַז, קאָווארסקי, שעפטל וייסמאַן, בערזאָן, סלאָבאָדסקאַיאַ אין בעסאַראַביע און קראפט, ד״ר שעפלער און פר. לעקערי אין בוקאָווינע, צוזאמען מיט די יידישע קולטור־ליגעס וואָלטן געוועזן באַשאַפן יענע יידישע מאַסן־קולטור, וואָס אין רומעניע ליגט זי נאָך אלץ אין די קינדער־וויקעלעך.

אָפּגעריסן פון איר שול־און קולטור־באַוועגונג האָט די יידישע שפּראַך דאָך איינגעהאלטן אירע פּאָזיציעס ביי די יידישע מאַסן אין בעסאראַביע.

— — —

באהערשט פון די געדאנקען האָב איך קוים באמערקט דעם לאנגווייליקן נאָרד־בעסאראַבער פּייזאַזש. און דער צוג טוט זיך זיינס. ער שניידט זיך אריין אין די אומעטיקע פעלדער פון בעלצער קרייז.

מיר געפונען זיך אין סאמע מיט פון יידישלאנד...

## פון זעלבן אויטאָר:

ס ט ר אַ ט אָ ס פ ע ר ע...

(גראָטעסק אין איין אַקט).

4A
43217